שכונת ויואל משה

# קיפקע

דיין לאקאלער צירקל

letters@svmkipka.com • 845.682.1282

12

פרשת דברים

Jul. 12 2026







מרת ל.

# א מאמע'ס מחשבה איבער'ן חורבן

איך בין נישט קיין רעדנער, אפשר א שטיקל שרייבער צווישן קעיר נעמען פון איין קינד צום צווייטן... איך האב נישט קיין טיפע מחשבות אויף חורבן בית המקדש; איך בין סתם א אידישע מאמע. א מאמע וואס לעבט צווישן טעפ, וועש, נאכטמאל, לייגן שלאפן, און היים-ארבעט... יעדע מאמע קען אליין משלים זיין די ליסטע וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט... אבער דווקא פון דארט, צווישן די קליינע זאכן פונעם טאג-טעגליכן לעבן, האב איך אמאל אנגעהויבן אביסל צו פארשטיין וואס חורבן בית המקדש מיינט.

יעדן אינדערפרי, נאכ'ן אריינלייגן הארץ און נשמה צו מאכן די קאך שיין און צוגעגרייט, קומט אריין א קליין קינד מיט יאגורט אויף די הענט, ברויט-ברעקלעך אויף די ערד, א גלעזל מילך וואס גיסט זיך אויס פונקט אויפ'ן פלאץ וואס מען האט יעצט אפגעוואשן אזוי ציכטיג. איך וועל אייך מודה זיין, איך וויין נישט אויף די פאר טראפנס מילך; איך ווייס אז עס איז נאר מילך. אבער דאס הארץ טוט וויי, ווייל איך האב אריינגעלייגט אזויפיל כח און הארץ דערין.

ווען איך באק א שיינע געשמאקע מזונות לכבוד שבת, און איינער שניידט אריין דערין פרייטאג אינדערפרי מיט'ן אויסריייד "איך האב נאר געוואלט טועם זיין די קארנער", איז נישט דאס שטיקל קוכן וואס שטערט מיר. עס שטערט מיר אז יענער האט נישט געשפירט וויפיל ליבשאפט און מי איך האב אריינגעלייגט אין יעדן ביס. אט דאן טראכט איך פון דעם אייבערשטן!

ער האט באשאפן אזא שיינע וועלט. ער האט אונז געגעבן א לאנד, א ירושלים, א בית המקדש, א פלאץ וואו מען האט געשפירט אז די שכינה געפינט זיך צווישן אונז אידישע קינדער. יעדער שטיין האט גערעדט פון קדושה, יעדער קרבן האט געברענגט א מענטש נאענטער צום באשעפער. יעדער איד האט געקענט שפירן אז ער האט א טאטע אין הימל וואס וואוינט צווישן זיינע קינדער, אבער מיר האבן דאס פארלוירן.

נישט ווייל דער אייבערשטער דארף א שיינע בנין; דער באשעפער דארף נישט קיין גאלד און זילבער. ער דארף "אונז" ער וויל זיין נאענט צו זיינע קינדער. דער חורבן איז נישט דאס וואס א בנין איז איינגעפאלן, נאר דער חורבן איז אז דער טאטע זיצט שוין כמעט צוויי טויזנט יאר און ווארט ווען זיינע קינדער וועלן זיך שוין אומקערן אהיים.

אמאל זע איך ווי מיין קליין קינד ווערט פארנומען מיט זיינע פרענדס, טויס אדער נאש, און פאר א ווײלע פארגעסט ער אז זיין מאמע איז דא בכלל. איך שטיי אין א זייט און איך רוף אים נישט; איך קוק נאר ווי לאנג עס וועט נעמען ביז ער וועט זיך אומקוקן און לויפן צוריק צו מיר. ווען ער קומט ענדליך, פרעג איך אים נישט וואו ער איז געווען, נאר איך נעם אים ארום מיט ליבשאפט.

אפשר אזוי קוקט דער אייבערשטער אויף אונז? ער זעט ווי מיר לויפן נאך פרנסה, ביזנעס, סטיילס, נייע מעבל, נייע קארס, נאך א פאר דאלער, נאך א וואקאציע, נאך א סוקסעס. ער גיט אונז טאקע אלעס, אבער אינעווייניג ווארט ער נאר אויף איין זאך: "מיין קינד, קום שוין אהיים."

אפשר איז דאס דער אמת'ער חורבן: נישט נאר וואס מיר האבן נישט קיין בית המקדש, נאר אז מיר האבן זיך שוין צוגעוואוינט צו לעבן אן אים. מיר קענען שוין דורכפירן א גאנצן טאג, א גאנצע וואך, און אמאל אפילו א גאנצן תשעה באב, אן אמת'דיג צו שפירן אז עפעס פעלט אונז.

אבער א מאמע קען זיך נישט צוגעוואוינען ווען א קינד פעלט איר, און א טאטע קען זיך אויך נישט צוגעוואוינען!

דערפאר, ווען איך זיץ תשעה באב אויף דער ערד און איך ליין "צאנה וראינה" אדער איבער די צרות וואס כלל ישראל איז דורכגעגאנגען, בעט איך אז דער אייבערשטער זאל שוין נישט דארפן ווארטן; ער זאל שוין צוריקברענגען אלע זיינע קינדער אהיים, אריין אין זיין הייליג הויז, וואו דאס גאנצע פאלק וועט איינמאל פאר אלעמאל שפירן: "טאטע, מיר זענען צוריק אינאיינעם."



בס"ד

We get it right every time.



| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 4 | | | 1 | | | |
| | | 8 | 5 | | | | | |
| | | | | 7 | | | 5 | 1 |
| 5 | | | 9 | 3 | | | 6 | |
| | | | | 4 | | | 3 | 8 |
| | | | | | | 2 | | |
| | | | 3 | 5 | | 7 | | 9 |
| 2 | 8 | 3 | | | | | | |
| | | | | 6 | | | | |

faigyporgesz.com

מיר לאזן גארנישט אויס.

קינדער, ענדיגט די סודוקו און געווין!

**We got every detail of health covered for our patients, every single day. Think you can do the same?** Complete the Sudoku by filling in the empty squares so each row, column, and box contains every number only once. Then submit your completed puzzle for a chance to win a $25 Funtazz gift card.

**SEND US YOUR SUDOKU TO ENTER THE RAFFLE:**

1) Drop off at Blooming Grove Pharmacy or Funtazz
2) Hand to our driver when he delivers your order
3) Whatsapp a picture to 845.775.4175
4) Fax to 845.775.4185
5) Email to info@bgprx.com

**Name** ______________________

**Phone** ______________________

**Email** ______________________

The raffle will be held on Monday, July 20 ו' אב
Congrats to our maze winner: יצחק פריעדמאן

שמואל יוסף זאלדאן

Blooming Grove PHARMACY

**FAST, FREE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING**

**Call/Text / WA 845.775.4175**
**Fax:** 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

**Store Hours:**
Sun - Thurs 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman

# שכן צו שכן

דעם שבת ווערט אפגעצייכנט א יאר זינט דער גרינדונג פונעם ברסלב'ער בית המדרש תחת נשיאותו פון הגה"צ רבי ניסן דוד קיוואק שליט"א מארץ ישראל, דא אין אונזער הערליכער שכונה "ויואל משה".

אין די קורצע תקופה איז דער בית המדרש אויסגעשטיגן צו זיין א פלאץ פאר פילצאליגע אידן פונעם געגנט, וואו מען דאווענט מיט א ווארעמקייט און א התרוממות, מען רעדט נישט ביים דאווענען.

אזוי אויך איז ברייט באקאנט געווארן עטליכע מאל דורכאויס דעם יאר, ווי זיי זענען ארויס פון וועג זיך צו רעכנען מיט די ארומיגע שכנים, מען מעג זיך אפלערנען דערפון.

גלייכצייטיג איז כדאי צו דערמאנען, אז דאס בית המדרש איז פון די געציילטע אין די געגנט וואס האבן זיך געלאזט קאסטן איבריגע געלטער צו מאכן די קאנסטראקשן אויסגעהאלטן לויט די סעיפטי קאוד פארשריפטן.

יה"ר אז פונעם בית המקדש מעט זאל מען שוין זוכה זיין אנצוקומען צום גרויסן בית המקדש, במהירה בימינו אמן.

**מ. א. וו.**

**תושב ומתפלל**

לכבוד די "קופקע" ארויסגעבער: ביטע, אויב מען קען אריינלייגן מיינע פאר ווערטער.

מען האט שוין גערעדט דא וועגן פארלוירענע בייקס וואס וואלגערן זיך אויף די גאסן נאכדעם וואס זיי ווערן נעלם און מען ווייסט נישט וואו זיי געפינען זיך. קע"ה די געגנט איז שוין אזוי גרויס, אז מען זעט שוין נישט וואו יעדער בייק איז אנגעקומען.

איך האב אן עצה: אז חוץ א נאמען זאל מען אויך ארויפלייגן אן אדרעס און א יוניט נומער. אזוי וועט זיין פיל גרינגער מקיים צו זיין מצוות השבת אבידה מיט די אלע בייקס וואס ווערן פארלוירן.

א מעסעדזש פאר שכן צו שכן. ב"ה מיר האבן אויך זייער הנאה פון דעם ערנסטן מנין פאר סוף זמן תפילה שבת צופרי אינעם ספינקער בית המדרש אויף באר שבע. קודם כל, די גרויסע זאך פון קענען דאווענען שבת פאר סוף זמן תפילה כדת וכדין לויט די הלכה. יישר כח פאר'ן דינען אלס שופר און דאס מודיע זיין פאר די איינוואוינער אין די שכונה.

"הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו", א מתנה מיינט נישט נאר א גשמיות'דיגע זאך, נאר אוודאי אויך א רוחניות'דיגע זאך. טאקע דאס וואס די גמרא ברענגט ארויס, אויף וועלכע מתנה עס גייט ארויף, איז דאס שבת קודש, וואס דאס איז די גרעסטע רוחניות'דיגע מתנה וואס כלל ישראל האט באקומען פונעם אייבערשטן.

דערפאר חזקו ואמצו, סיי פאר אייך די חשוב'ע ארויסגעבער, און אזוי אויך א רוף צום ציבור: איר קענט אויך זיין א חלק פונעם הייליגן ציבור און ארייננשיקן געדאנקען וואס ברענגען אונז נענטער צו השי"ת! כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו.

לכבוד די קופקע! ווי יעדער איינער האט מיטגעהאלטן דעם מוצאי שבת שפעט ביינאכט, איז פארגעקומען אן אינצידענט אויף די גאסן פון באר שבע. ווי דער עולם געדענקט, איז פאריאר געשען דער זעלבער אינצידענט; וויל איך פארשטיין אויב איינער ווייסט וואס די







# שכן צו שכן

אורזאך דערפון איז, און אויב מ'קען עפעס טוהן דערוועגן?!

ביים אהיימקומען פארגאנגענעם שבת פונעם "סוף זמן תפילה" מנין פון ספינקא בית המדרש אויף באר שבע, האבן מיר באגעגנט א איד וואס איז דאן געגאנגען דאווענען, ער האט אונז גאר פארגעהאלטן: היתכן מיר דאווענען אזוי פרי, ווען אונזערע רבי'ס האבן נישט מקפיד געווען שבת אינדערפרי צו דאווענען פארן סוף זמן תפילה?

עס איז מיר געווען אינטערעסאנט צו הערן ווי איינער פון אונזערע חברים האט דערציילט, אז אין גרויסן בית המדרש גייט שוין אן דער "סוף זמן תפילה" מנין יעדן שבת אינדערפרי פאר איבער 40 יאר. אין די צייטן פונעם ברך משה זי"ע, זענען געווען פארשידענע עסקני הקהילה וואס האבן צוליב געוויסע אינטערעסן דאס געוואלט מבטל זיין, עס זאל מער נישט זיין קיין מנין אינעם גרויסן בית המדרש פאר'ן סוף זמן תפילה.

האט ער דאס נישט געלאזט מבטל זיין, זאגנדיג אז אין אונזערע הויפן האט מען טאקע געדאווענט שפעטער שבת, אבער דאס אז עס זאל זיין א מנין אין שטאט וואס איז מקפיד אויף "סוף זמן תפילה" איז א שמירה פארן שטאט; עס איז אלעמאל געווען א סוף זמן תפילה מנין, אפילו אין די פלעצער וואו מען האט געדאווענט שפעטער.

זאל דאס טאקע זיין א שטארקע שמירה פארן גאנצן געגנט, אזא הייליגער מנין.

לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע,

צום ערשט וויל איך זיך באדאנקען פאר אייער הערליכער אויסגאבע. עס איז א געוואלדיגע זאך צו זען ווי עס העלפט מאכן אונזער געגנט פאר אן אמת'ע געשמאקע און בעסערע געגנט, וואו מען קען אויסשמועסן טאפיקס וואס באלאנגען צו יעדן איינעם.

איך וויל זיך אויך מצרף זיין צו די וואס האבן שוין אויפגעברענגט די וויכטיגקייט פון א שפיל-פארק פאר קינדער און מער פארקינג-פלעצער אין די געגנט.

כמעט יעדע געגנט, אפילו אין שטאט, האט יעדע פאר בלאקס א פלאץ וואו קינדער קענען שפילן. ביי אונז, וואו עס זענען ב"ה דא אזויפיל קינדער, איז ממש א שאד אז זיי האבן נישט קיין געהעריגן און זיכערן פלאץ זיך אויסצושפילן. ווען קינדער האבן נישט וואו צו גיין, טרעפט מען זיי שפילן נעבן די גארבידזש הייזער, אדער חלילה ווארפן שטיינער אויף פענצטער און טון זאכן וואס קומען פשוט פון לאנגווייליגקייט.

און בנוגע פארקינג איז די מצב אויך זייער שווער. איך וואוין קעגן די נייע שול אויף באר שבע, און עס טוט ממש וויי צו זען ווי מענטשן קומען דאווענען און קענען נישט טרעפן קיין פארקינג, און צום סוף באקומען זיי טיקעטס ווייל זיי האבן געמוזט פארקן אויף א פלאץ וואו מען טאר נישט. זיי ווילן בסך הכל קומען דאווענען, אבער עס איז פשוט נישטא וואו צו שטעלן דעם קאר.

איך גלייב אז א זיכערער שפיל-פארק פאר די קינדער, צוזאמען מיט מער פארקינג-פלעצער לעבן די שול, וואלט געווען א גרויסע הילף פאר די גאנצע געגנט און וואלט געלייזט אסאך פון די פראבלעמען.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס וואס איר טוט פאר אונזער געגנט. מיר האפן צו זען ווייטער אזעלכע שיינע און וויכטיגע פראיעקטן.











MARY KAY
come match your color to get a free cosmetic bag!
Free mini perfume with any purchase!!!
Free delivery no minimum. call or txt your order
845-662-5192 SVM

# א שאלה צום ריין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

## שאלה

אינעם בילדונג וואו איך וואוין, נעקסט צו מיין הויז איז דא א ליידיגע אפרטמענט וואס איז נאכנישט געווארן פארקויפט. אסאך אמאל זע איך ווי קינדער גייען אריין דארט און שפילן זיך דארט. איז דא חיוב אויף מיר זיי צו פארשיקן און זיכער מאכן אז עס ווערט נישט קיין שאדן, אדער עס איז בכלל נישט מיין אחריות וואס עס טוט אפ אין יענעמס אפארטמענט?

## תשובה

עלטערן זענען מחוייב אכטונג צו געבן אז זייערע קינדער זאלן נישט שעדיגן.אין א פאל וואס די עלטערן גיבן נישט אכטונג טוט דער בי"ד שטראפן די קינדער וועלכע שעדיגן.

עס איז טאקע נישט אזוי באקאנט, אבער עס איז פאראן פעלער וואס די עלטערן זענען מחוייב צו באצאלן אויף די שאדן פון זייער קינד [עס איז נישט דא דער פלאץ פאר קיין אריכות און מקורות].

קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער
845.512.5555
carsafe

$25 COUPON
towards your next session!
F. Deutsch
faigydeutsch.com
347-587-0839
EXP: 12/03





בס״ד
ripple 438.523.2741
Biener's
א רעוואלוציע אין די
ברויט מארקעט!
א ברויט וואס איז
דעלישעס, און אויך
געזונטער.
Biener's
Whole Wheat
Famous Bread
Fameux Pain de Blé Entier
Info@thebbinc.com




בס״ד
ענדליך:
א דעלישעס
האל-וויט
ברויט.
אן איבערזעצונג פון אנדערן צייט בריוו פון ניו יארק אינעם שכינות'דיגען קאנאדא
דערציילט די געשיכטע אונטער ״ביענער׳ס דעלישעס ברויט״.
א נאנטער מיינער האט זיך געהאלטן אין איין אפרעדן אויף שטארקע בויך ווייטאג. מיר האבן געזען אז עס קען קען נישט אזוי ווייטער אנגיין און ווי א געטרייע אידישע אידענע איר פראבירט צו העלפן צו זען וועלכע עסן מאכט די יסורים
זי האט אויפגעהערט צו עסן ווייסע ברויט און איך האב אנגעהויבן איר אליין צו באקן היימישע ברויטן נישט פון ווייס מעל
די נייעס איבער מיינע ברויטן איז אבער נישט געבליבן ביי אונז אין קיך, קרובים און גוטע פריינט האבן אנגעהויבן קומען און פרעגן אויב זיי קענען אויך טועם זיין, און ווי מער זיי האבן טועם געווען זענען זיי צוריקגעקומען בעטן נאך, אזוי זענען געקומען מער און מער מענטשן. איך האב מיך דערזען פלוצלינג מיט א גרויסע פארלאנג, וואס זענען געקומען קלאפן אויפ'ן טיר פאר ״בינער'ס ברויט״
אזוי זענען מיר געווארן גרעסער און גרעסער ב״ה דא אין קאנאדא - דא איז ווי מיר האלט יעצט - א גרויסע בעקעריי וואו מען מאכט הונדערטער פרישע ברויטן יעדן טאג וואס ער עולם צוכאפט ב״ה
מיר האלטן אין איין צוריקהערן פון אמעריקאנער אז זיי ווילן אויך געניסן פון ברויט וואס איז גוט, ב״ה עס איז אונז ערמעגליכט געווארן עס אנצוהייבן צו פארקויפן דא אין אמעריקע פרישערהייט, אזוי אז איר קענט שוין אויך געניסן פון א האולוויט ברויט וואס איז דעלישעס און געזונט מיט אפעטיט
נ.ב. מיין פריינט'ס בויך ווייטאג איז למעשה נישט אוועק ביז זי האט אנטדעקט אז זי ליידט פון א לאקטאוס אינטאלערענץ. אבער דער גוטער ברויט איז עפעס וואס דער עולם איז זיך מחי' ביז היינט. השי״ת האט געשיקט אז עפעס א גוטע זאך זאל ארויסקומען, די ברויט וואס דער עולם איז זיך מחי'
Biener's
info@thebbinc.com
Biener's
Organic Spelt
Famous Bread
Fameux Pain Dépeautre Bio

ברוּיט פאר א נויט!

# שיקטס רעסיטס און געווינט!

## א געווינס ספעציעל פאר **שכונת ויאל משה!**

יעדע "האָל-וויט" ברויט וואס איר קויפט פארן שטוב איז א
**פרישע געלעגנהייט אײנצוהאנדלען א טיקעט אין די גורלות**

**$300 גיפט סערטיפעקאט ביי** ELEGANT HOME & GIFTS

**$200 גיפט סערטיפעקאט ביי** TOYS TO DISCOVER

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** EATALY DAIRY

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** HAVEN TOAST

**וויפיל פעקלעך ברויט, אזויפיל טיקעטס ביי** HOOPLA

**די גורלות וועלן פארקומען בעז"ה דינסטאג פרשת עקב תשפ"ו**




WIC approved

**שיקט אריין אייערע רעסיטס** מיט
**"בינער'ס ברויט"** דערויף און **געווינט!**

*Recipt need to have, store info, name, biener's, and date.

**וויאזוי שיקט מען אריין די רעסיטס?** אימעיל: **promo@thebbinc.com** טעקסט/פיקטשער: **405.970.0036** דורך די פאסט: **Bieners Bakery, 51 Forest Rd. 316-225, Monroe NY 10950**




סופר סת"ם
ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים
ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין
יואל מארקאוויטש
845-324-0063
תושב שכונות ויואל משה

## אינשורענס – מען וויל עס נישט זען, אבער יעדער מוז באצאלן!

UTMOST MANAGEMENT

עס איז דא איין זאך אין א קאנדאמיניום וואס קיינער רעדט נישט דערפון, ביז עס קומט אן דער בריוו אין די פאסט: "צוליב די נייע אינשורענס פרימיומס מוזן די קאמאן טשארדזשעס ארויפגיין"... פונקט דעמאלטס הייבן זיך אן די טענות און פראגעס: פארוואס איז עס ארויף? פארוואס פונקט יעצט?

דער אמת איז, אז אינשורענס ארבעט נישט בלויז ווען חלילה עפעס פאסירט; זיי קוקן א גאנץ יאר אויף יעדן קליינעם פרט. ווען מען רעדט פון א קאנדאמיניום, איז אינשורענס נישט קיין קליינע מעשה. אמאל קען א בריוו פון די אינשורענס פירמע מאכן אז די 'קאמאן טשארדזשעס' זאלן שפרינגען אזוי הויך, אז די איינוואוינער זאלן שפרינגען!...

די ערשטע שאלה וואס יעדער פרעגט איז: פארוואס גייט עס ארויף?

דער ענטפער איז פשוט. די אינשורענס פירמע זיצט נישט אין אפיס און טראכט וויאזוי צו שלעפן נאך געלט; זיי קוקן אויף איין זאך: ווי גרויס זענען די שאנסן אז מיר וועלן דארפן אויסשרייבן א טשעק? אויב די שאנסן ווערן גרעסער, ווערט די פרימיום אויך העכער.

יעצט לאמיר רעדן פון די זאכן וואס מענטשן האלטן פאר קלייניגקייטן און מען גיט עס נישט איבער פאר די מענעדזשמענט, אבער עס מאכט אויס אסאך אויפ'ן אינשורענס ביל. א לעקטערביים אריינגאנג וואס ברענט שוין נישט קיין צוויי חדשים; א סטעפ וואס האט א קליינע שפאלט. ווער קוקט דען אויף אזעלכע זאכן? אדער א רעלינג וואס וואקלט זיך אביסל... נישט געפערליך...

אבער דאס איז נאר ביז עס באווייזט זיך דער אינשורענס אינספעקטאר! ער קוקט נישט מיט די אויגן פון א שכן, ער קוקט מיט די אויגן פון א לויער! ער זעט נישט סתם א באלב וואס ברענט נישט, ער זעט א מעגליכע לאו-סוט. ער זעט נישט קיין שפאלט אין א סטעפ, ער זעט א הונדערט טויזנט דאלארדיגע קלעים. ער זעט נישט סתם א וואסער ליעק; ער זעט שימל, דעמעדזש, און בעיקר: נאך א קלעים און נאך א קלעים.

מיר אין די מענעדזשמענט פראבירן כסדר צו האלטן אן אויג אז עס זאל טאקע נישט צוקומען צו דעם. דערפאר איז זייער וויכטיג צו באריכטן יעדע קלייניגקייט פאר די מענעדזשמענט פירמע, כדי מען זאל עס קענען פאריכטן נאך איידער דער אינספעקטאר קומט אן.

אזוי אויך זענען דא מענטשן וואס מיינען אז אינשורענס איז בערך ווי א קרעדיט קארד... עס איז דא א קליינע שאדן? מען עפנט א קלעים. א קריץ? א פרישער קלעים. יא, מען קען עס טאקע טון, אבער די אינשורענס קאמפאני האלט אויך חשבון! אין זייער "דאטע-באזע" שטייט פונקטליך פארצייכנט וויפיל מאל מען האט געעפנט א קלעים. אזוי אז ווען עס קומט די צייט צו באנייען די פאליסי, עפנט די אינשורענס קאמפאני דאס ביכל... און דער פרייז פליט ארויף גאר הויך.

עס איז בכלל נישט קיין וויץ ווען מען זאגט אז אינשורענס איז ממש ווי א שידוך... א גוטער נאמען איז אסאך ווערד. א בילדינג מיט ווייניג קלעימס, וואס ווערט געהעריג אויפגעהאלטן און מען פירט זיך אויף מיט שכל, באקומט אלעמאל א בעסערע פרייז.

# ווערטער און געדאנקן

אויפ'ן "תורתך שעשועי" שיעור



**יט) כל המשפיל עצמו הקב"ה מגביהו. וכל הבורח מן הגדולה גדולה מחזרת אחריו. וכל הנדחה מפני שעה שעה עומדת לו.**

דער מהרש"א זאגט א שיינער פשט פארוואס די גמרא דארף ברענגן דריי ענדליכע זאכן, עס איז לכאורה דאפלט. נאר ווייל עס קומט אונז לערנען גוטע מדות פאר דריי קאטעגאריעס אין לעבן: בין אדם למקום, בין אדם לחבירו, און בין אדם לעצמו. ווי זיין הייליגער לשון איז: "טוב לשמים, וטוב לבריות, וטוב לעצמו".

די ערשטע, "כל המשפיל עצמו" - דאס איז צווישן דעם מענטש און דעם באשעפער; ווער עס פירט זיך מיט עניוות פארן אייבערשטן, דעם הייבט דער אייבערשטער אויף.

"כל המחזר על הגדולה" - דאס איז צווישן א מענטש און זיין חבר; ווער עס לויפט נאך כבוד פארלירט עס, אבער ווער עס אנטלויפט דערפון, צו אים קומט דער כבוד.

"כל הדוחק את השעה" - דאס איז צווישן א מענטש און זיך אליין; ווער עס פרובירט צו שטופן הצלחה פאר דער צייט, ווערט צוריקגעשטופט, אבער ווער עס האט געדולד אוןווארט אויף דער ריכטיגער שעה, פאר אים ארבעט די צייט.

**כ) דרש רבי שמעון בן מנסיא: "ויבן ה' אלקים את הצלע" - מלמד שקלעה הקב"ה לחוה והביאה לאדם.**

פארוואס דערציילט אונז די תורה אז דער אייבערשטער האט איר געפלעכטן די האר? איז דאס דען א פרט וואס האט א שייכות צו בריאת העולם?

דא ליגט א טיפער לימוד, אז דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר אדם הראשון, און אזוי אויך פאר אלע מענער אין אלע דורות, אז א אידישע שטוב ווערט נישט געבויט נאר מיט גרויסע זאכן. "ויבן" - בויען א שטוב - הייבט זיך אן מיט די קליינע זאכן וואס זענען וויכטיג פאר דער פרוי.

פאר א מאן קען א פרוי'ס האר אויסזען ווי גארנישט; ער פארשטייט אפשר נישט פארוואס עס איז בכלל וויכטיג. אבער פאר איר איז עס א טייל פון איר כבוד, איר געפיל און אירע געברויכן.

**כא) אמרה יונה לפני הקב"ה: רבונו של עולם, יהיו מזונותי מרורין כזית ומסורין בידך, ואל יהיו מתוקין כדבש ומסורין בידם של בשר ודם.**

מיט די גמרא קען מען פארשטיין פארוואס כנסת ישראל ווערט צוגעגליכן צו א יונה.

ווייל אויפ'ן ערשטן בליק איז דאך אביסל שווער צו פארשטיין: דער באשעפער קען דאך אויך געבן זיסע מזונות וואס זאלן קומען דירעקט פון זיינע הענט, פארוואס בעט די יונה דוקא אז עס זאל זיין "מרורין כזית", ביטער ווי א זית? וויל זי דען טאקע ליידן?

דער אמת איז אבער, אז די כוונה פון איר תפילה איז נישט געווען איבער'ן טעם פון די מזונות, נאר זי האט מתפלל געווען אויף די נאנטקייט צום באשעפער. זי זאגט אזוי: אויב איך דארף אויסקלייבן, וועל איך ענדערש נעמען אביסל ביטערקייט אין לעבן, אבער וויסן אז איך בין אנגעוויזן אויף דיר יעדן טאג, ווי איידער צו האבן א לעבן פול מיט האניג אבער מיין הארץ זאל זיך פארלאזן אויף בשר ודם.

מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס "כנסת ישראל נמשלה ליונה". די יונה איז נישט סתם א פייגל, זי איז דער סימבאל פון א איד. א איד'ס גרעסטע שטרעבונג איז נישט וויפיל ער פארדינט אויפ'ן טשעק. נאר ווי שטארק ער שפירט אז ער איז אנגעהאנגען אינעם באשעפער.







## EZ Shopping 845 248 9626

| | Luvs $50 | Pampers Baby Dry $65 | Pampers Swaddlers $65 | Huggies $60 | Parents Choice $55 | Mama Bear $40 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 294 | 242 | 198 | 256 | 412 | 196 |
| 2 | 264 | 220 | 186 | 222 | 384 | 184 |
| 3 | 324 | 210 | 168 | 210 | 336 | 168 |
| 4 | 198 | 186 | 150 | 180 | 308 | 148 |
| 5 | 172 | 164 | 132 | 156 | 258 | 132 |
| 6 | 144 | 144 | 108 | 124 | 212 | 108 |

**We also do all kind of online shopping,**

**we are specialized in finding the best price on**

**Diapers, Pull ups and Detergents**

## די וואָך'ס קאָל: **אראפגעפאלן פון א סקוטער**

ווי געשריבן פאריגע וואך, עקזיסטירט אין די עמערדזשענסי וועלט א באגריף וואס מען רופט "טונעל וויזשען" (Tunnel Vision).

דער באדייט דערפון איז, אז א מענטש'ס מוח פאקוסירט זיך שטארק אויף איין זאך וואס שטייט אים פאר די אויגן, און ער פארלירט דעם ברייטערן בילד פון דעם וואס טוט זיך אפ ארום אים. ווען מען קוקט אויף עפעס דורך א טונעל, זעעט מען נאר וואס עס איז דא אינעם נומעל לאך, נישט ברייטער ווי דעם.

לאמיר נעמען למשל אונזער סצענע פון א קינד וואס פאלט אראפ פון א סקוטער. דאס קינד שטייט אויף, ער רעדט קלאר און זאגט: איך בין פיין. זייער שנעל קען איינער טראכטן: נו, ברוך השם, אלעס איז בסדר, ער איז דאך אויפגעשטאנען.

אבער דא דארף מען געדענקען, נישט יעדע פאל איז די זעלבע. אויב דאס קינד האט זיך פשוט אויסגעגליטשט אויף א פלאכן ארט און אראפגעפאלן איז עס אפשר איין זאך. אבער אויב ער איז געפארן שנעל, אראפגעפלויגן א בארג און געמאכט א "לאנדונג", דא רעדט מען שוין פון א גאר אנדערע סארט פאסירונג. אפילו אויב ער שמייכלט און זאגט "איך בין פיין", דארף מען אים גאר גוט אויסטשעקן.

די זעלבע זאך איז אויב מען קומט אן צו אזא סצענע און מען זעט בלוט. דאס אויג גייט אויטאמאטיש צום פלאץ וואס גיסט בלוט. אבער אויב מען קאנצענטרירט זיך צופיל אויף דעם וואונד, קען מען פארפאסן אנדערע וויכטיגע זאכן. ווייל אפשר איז דא עפעס מער ערנסט? אפשר איז דא אן אינערליכע בלוטיגונג? אפשר איז דא א שאדן וואס מען זעט נישט אינדרויסן?

מען דארף אפילו צוריקגיין איין שטאפל: ווער זאגט אז ער איז בכלל אראפגעפאלן צוליב דעם סקוטער שטיינדל? אפשר האט ער געהאט אן עפיזאד פארדעם? אפשר איז ער געווארן שוואך, פארלוירן דאס באוואוסטזיין, און ערשט דערנאך אראפגעפאלן? אזוי קען געשען אנדערע סיבות פארוואס ער איז באמת געפאלן. אין אין אזא פאל איז דער סקוטער בלויז געווען דאס ארט וואו מען האט עס באמערקט. מען דארף זוכן די אנדערע סיבה, ווי א פראבלעם וואס האט צו טון מיטן מוח אדער מיטן הארץ.

מיר האבן שוין געהאט אנגעקומענדיג צו א סצענע וואס איז אריינגעקומען אלץ א קינד וואס איז באוואוסטלאז, צוליב וואס ער איז געפאלן פון א סקוטער. מען קומט אן דארט און מען זעעט טאקע די סקוטער איבערגעדרייט נעבן אים, אבער נאך א שנעלע איבערזיכט ווי אזוי מען האט אונז געטרעגירט, האבן מיר גלייך געכאפט אז דא איז געווען א "סיזשער" עפיזאד, וואס מען דארף אינגאנצן אנדערש באהאנדלן.. דאס מיינט מען איז נישט געווען "טונעל וויזשען" מען האט געקוקט ברייטער וואס די פשוט'ע אויגן זעעט.

פארשטייט זיך, מען טאר אויך נישט פארגעסן פון די פשוט'ע זאכן: מעגליכע צעבראכענע ביינער, שעדיגונגען אינעם רוקן, אדער אנדערע וואונדן וואס דארפן באהאנדלט ווערן.

דערפאר, ביי אזא הצלה קאל, פרעגט מען נישט נאר די געווענליכע שאלות וואס מען פרעגט ביי יעדע סארט רוף; מען גייט טיפער. מען וויל וויסן פונקטליך וויאזוי עס האט פאסירט, וויפיל קראפט איז געווען דערביי, וואס האט פאסירט פארדעם, מען קוקט איבער דעם גאנצן קערפער כדי נישט צו פארפאסן עפעס וואס קען זיין באהאלטן. ווייל דער הויפט כלל אין עמערדזשענסי איז: נישט אלעס וואס מען זעט איז דער גאנצער פראבלעם, און נישט יעדן פראבלעם קען מען זען.

דערפאר קען מען אסאך מאל זעען ביי הצלה קאללס, וואס מען פראבירט צו באקומען א ווידיאו פון די פאסירונג אויב עס איז דארטן אויגלעך ווי עס האט פאסירט. דאס טוישט אסאך מאל דאס גאנצע בילד וואס עס האט באמת פאסירט.

ווען מען האט שוין פארשטאנען וואס עס האט פאסירט, און מען ווייסט אז מען דארף גיין אין שפיטאל, קומט די נעקסטע שאלה: וועלכער שפיטאל איז דאס ריכטיגע ארט פאר אזא סארט פאסירונג?

דאס וועלן מיר אויסשמועסן קומענדיגע וואך אי"ה.







# קלאסיפייד

**Looking for a office space in SVM?**
Private office rooms are now available for rent

For more information or to schedule a viewing,
**call: (845) 459-0884**

א משפחה שמחה דא און געגענט? רעזערווירט איך פאראויס. א אויסגערישטע דירה מיט 4-5 בעטן צו פארדינגען אינמיטן די שכונה. טאג/וואך, איך א 1 רום נאר שלאפן.
917-613-6622




**Shaklee~**
Shaklee Performance -צו פאסן גרינג
Try PERFORMANCE drink for

easy fast and to keep hydrated this summer!
Get your shaklee vitamins ,skincare, laundry and cleaning products at great prices!
**call or text 845.248.7859**

**Expert Appliance Repair**
**Refrigerators, Ovens, Dryers** מיר פארעכטן
רופט דעם עקספערט מיט אסאך יארן עקספיריענס!
**718.483.4817**
י. ב. לעווי













די שענסטע פאנאראמע אין
בלומינגראוו קרית יואל
די שענסטע פאנעראמע, און קריכן די שטאקן.
די אונטערשטע שטאק אין דימאנד
סירקל, האט א שענערע וויו ווי די
העכסטע שטאקן אין גאנץ בלומגראוו
א מציאה וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג!!
+ יעדע דירה האט א פרייוואטע אריינגאנג
+ א פרייוואטע גאס אינעם בעסטן געגנט אין בלומינגראוו
+ נאנטסטע פראיעקט צו צענטער קרית יואל
+ הערליכע פינישינגס אריינגערעכנט
+ גרייט צו קלאוזן בקרוב בעז"ה
DIAMOND CIRCLE
האנדלט אייך איין א ערשטע-שטאק דירה אין דיאמאנד סירקל, בלומינגראוו.
איר וועט אייך נישט קענען גענוג אנזעטיגן פון די הערליכע פאנאראמישע וויו וואס נעמט ארום אייער לופטיגע דירה מיט אירע גרויסע ליכטיגע פענסטערס
A PROJECT BY THE FAMOUS:
Project by: indigo
MOUNT REALTY GROUP
אליעזר יחזקאל שווימער
Lic# 10311210861
Lead Broker and Project Representative
אברהם חיים לעווי Lic# 10401367794
יואל לעווי Lic# 10991242854
יואל קארנבלי Lic# 10401389250
אברהם קויפמאן Lic# 10991242854
משה ראטה Lic# 10401360674
יחזקאל ווערצבערגער Lic# 10401377011
שמואל שאלילאף Lic# 10401310379
שמעון כ"ץ Lic# 10401334470
שמעון בערגער Lic# 10401373440
845-456-6868 sales@mountrealty.com
MOUNT
tealbluemedia




בס"ד
SVM Week 1
Austra Pkwy
$35 OFF
STOP
ALL WAY
YOU'RE NEXT.
KAYGROUP.CO
We're scheduling dryer vent cleanings on Austra Pkwy this week.
Reserve your spot while we focus on SVM.
Save $35 with special area pricing.
Better airflow.
Faster drying.
Safer homes.
Call today to schedule your vent cleaning.
צו קלינען דעם דרייער ווענט, ווענדט אייך צו
אלימלך שווארטץ
845.999.LINT
5468
SUPER DRYER VENT CLEANING




OUR SHOWROOM HAS ONE ADDRESS: YOURS.
No guessing if it will fit, shine bright enough, or match. Our expert brings the showroom to your home, so you choose once and choose right.
Servicing Monsey, Monroe & the Catskills
845-394-5885
sales@breezelightingusa.com
BREEZE LIGHTING

THIS WEEK'S

# Super Specials

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Gefen- Olive Oil Extra Light 3 ltr. **$24.99** | Bakol - Organic Sugar 5 Lb. **$8.49** | Shwartz - Tomato Sauce 15oz. **$1.19** | Gefen - Chunk Light Tuna In Water **6 / $9.99** | Paskesz - Original Melba Toast **$3.69** |
| Side of Salmon Fillet **$10.49** | B'gan - Breaded Eggplant Cutlets **$4.79** | Gefen - Chicken Noodle Soup **3 / $3.49** | Gefen - Mini Yellow Croutons **$2.99** | Shufra - Snakpaks Family Pk All Flavors **$4.49** |
| Old Williamsburg - Pizza **$10.99** | Mehadrin - Shredded Pizza/Muenster/ Mozzarella Cheese 8oz **2 / $6.99** | JJ - Whipped Cottage Cheese 16oz. **$5.19** | Mehadrin - Leben Family Pk **$11.99** | JJ - Swiss Yogurt Straw/Vanilla 6pk **$4.19** |
| Mehadrin - Vanilla Krispy Yogurt - All Flavors **$1.49** | Clair - Case Water Alkaline 1.5ltr **$21.99** | Meister - Vitavasser - All Flavors **2 / $3.99** | Hydroslim - All Flavors **2 / $3.99** | Gefen - Pizza Sauce, Oregano / Reg 26oz. **$2.99** |
| La-Hit Chocolate **3 / $4.99** | Kosher Taste - Frozen Peach Slices **$2.99** | Kosher Taste - Frozen Mango Chunks **$2.99** | Zazers - Gelo Assorted Candy **$4.49** | Shwartz - Clear Freeze Pops **$9.99** |

**Many more specials in store...**

***Call in to place your order by phone and enjoy a smoother, faster shopping experience.***

Valid till Friday, July 24

gesheft

**33 DINEV RD | 845.244.9666**
orders@gesheftkosher.com | www.gesheftkosher.com

*Hours:* Sun. 8-12, Mon-Thur. 7:30-12, Fri. 7:30 - 1 hr. before Zman, Motzei 1/2 hr. after Zman - 12